ר' הערשעלע

עסטערפאלער

בעשרייבען אללע זיינע זיסע חכמות אונ אללע זיינע ווערטלעך וואס ער האט איבער גילאזט. מען דארף ניט גייען אין טעאטער פון גילעב־טער, יעדערער זאל לייענען זיינע חכמות קאנ מען פאר אזוי ווייניג געלד וועט ער וויסען וויא זיך צו פירען אויף דער וועלט:

צוזאמען גישטעלט ע"י פ א

נאכדרוק שטרענגם פאר באטע

תובא לבית הדפוס ע"י ר' פייביל וועלצער

ווארשא

בשנת תרמ"ד לפ"ק

אין דער בוכהאנדלונג

פון י. ל. מארגענשטערן, ווארשא, פראנציסקאנער № 26

בעקומט מען אללער האנד ספרים אלטע אונ נייע, אויף לשון הקדש אונ אויף עברי טייטש: חומשים, עשרים וארבעה, תנ"ך סדורים, מחזורים, כלה־סדורים (סבלונות) מיט פערשיעדענע איבער־זעצונגען: יודיש, רוסיש, פאלניש, דייטש אונ אין פערשיעדענע פראכט־באנדער; ש"ס'ין (גמרות), משניות, עין יעקב, שאלות ותשובות, פוסקים ראשונים אונ אחרונים, דרוש־ספרים, מוסר־ספרים אונ מפורשים אויף תנ"ך אונ ש"ס; אללע סארטען העברע־אישע ביכער, זשארגאנישע ביכער, טהעאטער־שטיקע, ליעדער, נאטען צו פערשיעדענע יודישע טהעאטער-שטיקע אונ ליעדער צו שפיעלען אויף פיעדעל אונ פיאנא, נאטען פון סקארבאווע נגונים, נאטען פאר מארשעליקעס (בדחנים), פרעהליכע גראם ביכלעך אונ וויטצען-ביכלעך פאר בדחנים אונ מארשעליקעס; אוטשעבניקעס (לעהר-ביכער) וואס מען בענוטצט אין אללע יודישע חדרים אונ שקאלעס; מעטאדעס פאר דיא וואס וויללען זיך אלליין לערנען אהן די הילף פון א לערער פערשיעדענע לשונות: לשון הקדש, רוסיש, פאלניש, דייטש, פראנצאזיש, ענגליש אונ שפאניש, קאליגראפישע העפטען אליין זיך אויסצולערנען אהן די הילף פון א לעהרער שאן שרייבען אלערליי שפראכען; פערשיעדענע בילדער, שאנפעציערטע מזרח'ס אונ אהל-בילדער פון פערשיעדענע יודישע גרויסע לייט צו'ם אויסציערען א יודישע שטוב; שאן פערפוצטע יאהרצייטען מען זאלל נישט פארגעסען דעם יאהרצייט־טאג פון עלטערן אונ בעקאנטע; פערשיעדענע תפלות אונ אזהרות אויף צו האנגען אין א בית הכנסת; תפלין, בתים, פרשיות, רצועות אונ שיידלעך צו תפלין; מזוזות, שיידלעך צו מזוזות, מגלות געשריבען אויף פארמעט, גידין צו צונאהען תפלין אונ ספרי תורות; טליתים פערשיעדענע סארטען וואללענע אונ זיידענע, טליתים קטנים באוועלנע אונ וואללענע; ציצית, כפול-שמנה ציצית, ארץ ישראל ציצית; זארטלען קאמנארענע אונ זיידענע, קאפלען פראסטע, סאמעטענע אונ זיידענע, טלית זאקלעך אונ תפלין בייטעלעך, מענטעלעך צו ספרי תורות, פרוכת'ן, עטרות צו טליתים אונ צו קיטלען, שפאניעס צו קינדער קאפלען, שופרות, הבדלות אונ נאך א סך זאכען וועלכע זענען שייך צום מסחר פון ספרים. מען קאנן אויך ביי מיר אבאנירען פערשידענע ציימונגען אונ זשורנאלען לויט רעדאקציאן פרייז.

ר' הערשעלע

עסטערפאלער

בעשריבען אללע זיינע וויצע חכמות און אללע
זיינע ווערטעלעך וואס ער האט איבער גילאזט.
מען דארף ניט גייען אין טעאטער פון גילעכ־
טער, יעדער זאל לייענען זיינע חכמות קויפין
פאר אזוי ווייניג געלד וועט ער וויסען וויא זיך
צוא פירען איף דער וועלט :

צוא. זאמען גישטעלט ע"י פ"א

נאכדרוק שטרענג פערבאטען

הובא לבית הדפוס ע"י ר' פייביל וועלצער

ווארשא

בשנת תרמ"ד לפ"ק

אין מאהל ערב פסח אין דער פריא, עס איז שון געוועזן צייט חמץ
צוא פאר ברענגן אונ דער רב ר' ברוביל האט זיך אסאך פאר טראכט וועגן
ארומע לייט וואס עס איז דא ווייניג מעות חיטים אונ דיא חסידים האבין
ניט גיהאט דאס עזות צוא זאגין רבי, עס איז שון צייט צוא באווינען
דער עייל איז אן גקומען דער גבאי ר' הערשיל האבין זייא אים דער
ציילט אז דער רבי האט זיך פאר דביקט אונ האט נאך ניט גיבאווינט
אונ עס איז שון אזוי שפעהט האט ער זייא גיזאגט אז עס וועט זיין
רעכט. ער איז גלייך אריין צום רעבין אונ זאגט רבי איך האב היינט
איבער גיליינט דעם קאסטען אונ האב גיפונען דיא כתובה פאר תתמעת
מיט זויער טייק פרעג איך אייך צוא מעג איך וואגען מיט מיין ווייב צוא
גיין. פיליכט ניט האב איך קיין מלכה ניט אונ, עס איז שון אזוי
שפעהט. עס איז שון צייט דאס חמץ צוא פאר ברענגען אונ באווינען
גיווים דעמאלט האט זיך דער רבי דערמאנט. ווען ניט הערשעלע
ווער ווייסט צוא וואס עס וואלט גיקומען:

איין מאהל איז גיקומען ערב פסח אונ ער האט ניט גיהאט על מזון
סעודה אחת פרעגן אים אלע חסידים ר' הערשעלע איר האט שון אויף
פסח זאגט, ער איין האלבען פסח האב איך שון אין שטוב אונ דאס
איבריגע וועט גאט אויך בשערין. זייא האבען דאך אבער גיוויסט אז
ער איז אגרויסער קבצן איז דאס ביי זייא גיוועזן אוואונדער וויא האט ער
דאס גינומען האט ער זייא גיענטפערט, עס זאל אייך ניט זיין קיין וואונדער
ווארום אין וואס בעשטייט דער פסח אויס רוימען דעם חמץ אונ אריין
נעמין מצה. האב איך שון דעם חמץ לאנג אויס גירוימט, אונ מצה וועט
גאט באשערין. ווארום דיא וועלט זאגט אז מצות אונ תכריכים מוז גאט
באשערין. האב איך מיך דערמאנט אויף איין גייעם פלאן אט דא ארום
וועל איך האבען אויף מצה. אונ איז אוועק גיגאנגען צוא דער חברה
קדושה אונ האט אן גיהויבען צוא וויינען אז דאס ווייב איז אים געשטארבען
אונ ער האט ניט אויף תכריכים האט מען אים גיגעבין אפאר רובל
ער זאל גיין נעמען תכריכים אונ האבין אים צוא גיזאגט אז שפעטער
מיט צוויא שעה וועלין זייא קומען איר צוא נעמין האט ער גיקויפט
דיא

דיא פָאר רובֶּעל אוּנ אִיז גִיגַאנְגֶען אוּנ הָאט גִיקוֹיפְט מַצוֹת, דֶער נָייל וֶוענִין אָן גִיקוּמֶען דִיא חֶבְרָה קְדוֹשָׁה מֶען זָאל זִיא צוּא גֶעמִין. וֶועהְן זַייא וִויא זִיא גֵייט אַרוּם אוּנ שְׁמִירְט אוּים דִיא שְׁטוּבּ אוֹיף פֶּסַח, פְרֶעגְט זַייא אִים הֶערְשִׁיל וָואס אִיז דָאס, עֶנְטְפֶערְט עֶר אִיךְ הָאבּ דָאס נָאר גִנוּמֶען הַאנְד גֶעלְט בַּייא אַייךְ אוּנ הָאבּ פַאר בּוּטִין פוּן תַּכְרִיכִים אוֹיף מַצוֹת. נָאר אִיךְ זָאג אַייךְ צוּא אוֹיף מַיין וָוארְט אַז זִיא אִיז אַייעֶרֶע אוּנ אִיךְ וֶועל זִיא שׁוֹין אִין עֶרְגִיץ נִיט אַוֶועק פִירֶען אוֹיבּ אִיר הָאט נָאךְ אַפָּאר גִילְדִין מֶעגְט אִיר נָאךְ גֶעבֶּען וֶועל אִיךְ אוֹיךְ זַיין אַייעֶר וָוארוּם אַיין אָרִימַאן אוּנ אֶמֶת אִיז גְלַייךְ:

דֶער רִבִּי ר׳ בֶּרוּכִיל אִיז צַמָאהְל אַוֶועק גִיגַאנְגֶען אוּנ הָאט זִיךְ פַאר זַאהְמְט. דֶער נַייל זֶעהְט הֶערְשֶׁעלִי דוּרְךְ דֶעם פֶענְצְטֶער וִויא אַיוּדֶענֶע לוֹיפְט אוּנ שְׁרַייט פְרִיעֶר גָאט אוּנ דֶער נָאךְ דֶער רִבִּי וֶועט בַּאטִיוֶוען מַיין קִינְד עֶר הָאט גֶעךְ גִיחַאפְּט דֶעם רֶבִּינְס שְׁטְרַייְמֶעל מִיט אַ חַאלַאט אוּנ הָאט זִיךְ אָן גִיטָאהן אוּנ הָאט גִינוּמֶען אַסֵפֶר אִין דֶער הַאנְד אוּנ הָאט זִיךְ אַנִידֶער גִיזֶעצְט אוֹיף דֶעם רֶבִּינְס שְׁטִיל אִיז אַרַיין גִיקוּמֶען דִיא יוּדֶענֶע פַאר וֵויינְט רִבִּי רַאטִיוֶועט מַיין טָאכְטֶער זִיא גֵייט שׁוֹין צְוַוייא טָאג צוּא קִינְד הֶערְשִׁיל הָאט זִיא קַיין סַאךְ נִיט גִילָאזְט טַאגֶען וַוייל עֶר הָאט גִיוָואלְט שְׁפִּילֶען דִיא רָאלֶע פוּן אַרֶעבִּין אֵייעֶר דֶער רִבִּי קוּמְט הָאט עֶר גֶענוּמֶען אַקָאפִּיקֶע פוּן קֶעשִׁינֶע אוּנ זָאגְט דָאס זָאלְט אִיהְר צוּא לֵייגֶען אִיהְר צוּם נָאפִּיל וֶועט זִיא בַּאלְד מוֹלִיד זַיין אַזוֹי אִיז גִיוֶוען. מִיט אַטָאג שְׁפֶּעטֶער קוּמְט דִיא יוּדֶענֶע אוּנ בְּרֶענְגְט דֶעם רֶעבִּין אַפִּדְיוֹן אַפָּאר הִינֶער עַייל זִיא הָאט גִיהַאנְדִילְט מִיט הֶענֶער אוּנ הִינֶער. דֶער רִבִּי הָאט גִימַאכְט אַשְׁוַוייג. וֶוען דִיא יוּדֶענֶע אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען פְרֶעגְט עֶר הֶערְשֶׁעלִי, זָאג מִיר דֶעם אֶמֶת וָואס פַאר אַסְגוּלָה הָאסְט דוּא גִיטָאן צוּא דֶעם זָאגְט עֶר אִיךְ הָאבּ אִיהְר גִיגֶעבִּין אַקָאפִּיקֶע זִיא זָאל דָאס צוּא לֵייגֶען צוּם נָאפָּאל אוּנ נָאךְ אַקָאפִּיקֶע לוֹיפְט יֶעדֶער אָרִימַאן אִיז עֶר אוֹיךְ גִילָאפֶען נָאךְ דֶער קָאפִּיקֶע:

נ׳ג׳ן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז עֶר אַמָאהל גִיקוּמֶען אִין אַקְרֶעטְשְׁמֶע קַאלְט אִיז אִים גִיוֶוען אוּנ הִינְגֶערִיק אִיז עֶר גִיוֶוענִין אוּנ

דֶער

דער בעה"ב איז ניט געוועזן אין דער היים בעהט ער עפעס צוא עסין. זאגט צוא אים דיא בעל הביתטע. גלייבט מיר איך האב אייך ניט וואס צוא געבען אונ ער האט פאר שטאנען אז מען האט יא געקאכט וועטשערע בעהט ער זיך בייא איהר זיא זאל אים דאטשע לאזען בייגען זיך שלאפען אויף דעם אויבען ווייל עס איז אים זייער קאלט האט זיא אים פאזוואלעט ווייל זיא האט געזעהן אז זיא וועט זיך פון אים ניט אפ טשעפען הגם האט זיא געוואלט אז ער זאל גיך אנטשלאפען ווערען אז ער איז געוועזן אויף דעם אויבען האט אים פאר שמעקט גלייך וויא ער וואלט געטראפען אז איננווייניג שטייט אטאהפ מיט קרעפליך זאגט ער איך בעהט אייך וואס איז דאס דער אויבען אזוי היים אפנים אז איהר האט עפעס געכוסט קאכען. שווערט זיא אויף איערע נאמנות אז זיא האט גאר ניט געקאכט נאר זיא וואשט גרעט האט זיא אריין געשטעלט אין אויבען עס זאל זיך אויס פארען פון אסימן וועגען האט זיא זיך בלוימפערשט געלייגט שלאפען מיט דיא קינדער אונ האט פאר לאשען דעם לאמפ אונ האט צוא געמאכט דיא ספאלניע ער איז אראפ פון דעם אויבען אונ האט ארויס גענומין דעם טאפ מיט קרעפליך אונ האט אים גלייך אויס געליידיגט אונ האט אויס געטאן זיינע אפאר שווארצע גאטקים אונ האט אריין געלייגט אין טאפ כדי ניט צוא דער קענין אונ האט פון אויבען אנידער געלייגט פינעף קרעפליך אונ האט צוא געמאכט דעם אויבין גלייך וויא עס וואלט גאר ניט געוועזן דער ווייל איז געקומען דער בעל הבית פון דעם פריץ וואס ער האלט פון אים דיא אראנדע אונ קלאפט אן זיא איז גיך געלאפען אונ האט אים געעפינט אונ זאגט צוא אים מאך ניט קיין קולות עפעס איין ארימאן אשלעפער האט זיך איין געבעטין שלאפין אויף דעם אויבין זאגט דער מאן אלעס איז רעכט עס איז שוין שפעט גיב מיר עפעס עסין אונ איך וועל מיך לייגען ; פ דואין זיא האט אים געגרייט צום טיש אונ טראגט אריין דאס טעפיל מיט דיא קרעפליך אונ קערט דאס איבער אין שיסיל איז אריין געפאלען אפאר גאטקים אין שיסיל. וואס קען דאס זיין האט דער מאן אן געהובען צוא שרייען ביז אלע זענען אויף געשטאנען הערשיל איז אויך אראפ זעהן וואס דאס איז אין דעם האט ער דער קענט אז דאס זענען זיינע גאטקים פרעגט מען אים נאך וואס האט איהר דאס געטאן זאגט ער. איך ווייס דיא בעל אבתטע האט געזאגט אז זיא וואשט גרעט וויל איך אז זיא זאל מיינע גאטקים אויך אויס וואשען זיא זאל

נאך

נאך זיין אגוטע וואלט איך איהר גיגעבן איין העמד אויך אויס צוא וואשען אויף מארגען ווענען אן גיקומען אסאך מענטשען אונ האבען דער קענט הערשעלין פרעגען זייא אים וואס טהט איהר דא האט ער דערציילט אלע אין דיא אויגען דיא מעשה אלע האבען שטארק גילאכט אונ האבען בייא זיך פאר שריבען אז אין דער קרעטשמע ווענען דיא ערשטע מבנים אורחים :

איין מאל זאגט צוא אים איין עושר הערשיל זאג מיר אליגענט ניט גיטראכט. גיב איך דיר אקערביל זאגט הערשיל איר האט דאך גיזאגט אז איהר גיט מיר צוויא רובול

איין מאל איז ער אריין גיקומען אין אגיוועלב אונ האט מען וואל אים אפ רייכין ריפם אויף אקאפאטע ער האט דעם ריפם אונ לויפט אוועק מען יאגט אים נאך אונ ער לויפט ביז ער איז גיקומען צו ווישען אסאך בעקאנטע פרעגט מען אים ר' הערשיל וואס האט איר דאס גיטאהן זאגט ער איהר זעהט דאך איך גייא נאקעט אונ וואס מען רייסט גיט אפ מיט גיוואלד. דאס האט מען ניט . דיא מענטשען האבען גימאכט צוא ווישען זיך אנדבה אונ האבען בצאהלט פארען ריפם :

איין מאל זענען בייא נאכט אריין גנבים צוא אים אין שטוב. זייא זוכען אויף דער ערד זייא טאפען אויף דיא ווענט טאמער הענגען מלבושים אדער לייכטער . עס איז אבער גאר ניט צוא גיפינען . דאס ווייב האט דער הערט וועקט זיא שטילערהייט הערשיל. דוא הערסט גנבים זענען דא זאגט הערשיל שווייג שטיל אויף מיר פלאמט דאס פנים זייא האבען געבעך ניט וואס צוא נעמין אונ דוא שרייסט נאך אונ עס הארט דיך גאר ניט :

איין

ג ז ב

אין מאהל איז ער גיגאנגען שלאפען אונ האט מיט גינומען אברויט פֿרעגט מען אים צוא וואס טויג דיר אברויט זאגט ער אלעס איז גוט מיט ברויט אונ דיא שבייסט אלע טאג או אמאן אן ברויט טויג דיר ניט:

אין מאהל איז ער גיקומען דבארדיטשעוו האט ער גיהערט אז אגרויסער גביר מאכט חתונה קיין זיטאמיר זענען מיט אים מיט גיפארען אסאך נגידים הערשיל איז גיקומען אונ בעהט זיך אויך פֿארען אויף דער חתונה ווייל עס זענען גיוועזן אסאך נגידים וואס האבן גיקענט הערשלין פאר אפרייליכן מענטש. נאר דער מחותן האט בשום אופֿן ניט גיוואלט אים מיט נעמן. טראכט ער ביא זיך איך דארף עפעס מאכען פאר דעם מחותן ער זאל מיך האבען צוגידענקין איך הייס דאך עפעס הערשעלי פון אסטעפאליע דיא מחותנים זענען אוועק גיפארען אונ ער האט זיך גילאזט גיין מיט דיא דערפער אויף דעם וועג וויא מען גייט נאך זיטאמיר דער ווייל איז ער גיקומען אין אדארף אונ האט זיך גיפרעגט צו איוד אשניידער אונ דער שניידער איז ניט גיוועזן אין דער היים. ער איז אום גיגאנגען זוכען צארבעט ער איז ניט גיוועזן פיהל בייכער פון הערשעלין אין שטיב איז ניט גיוועזן פיהל מעהר צירונג וויא ביא הערשעלין ער האט גיהאט פינף קינדערלעך אונ קיין ברויט אז ער איז אריין אין שטוב האט ער גיטראפען דעם שניידערס וויב זיצט אונ וויינט ביא איר איז לא עלינו אקליין קינד גישטארבן אונ זיא ווייסט ניט וואס צוא טאהן מיט דעם אונ קען זיך קיין שום עצה ניט געבין זאגט הערשיל איך וועל אייך איין עצה געבין איר גיט מיר דאס קינד דא ניט ווייט איז דא אשטעטיל קאטניע גיט מיר דאס קינד אונ איך וועל דאס אוועק טראגין קיין קאטניע וועט מען דאס דארטין מקבר זיין קבר משה וישראל זיא האט אים צן געבאנקט א פולען קאפ אונ געוואונשען דאס אייביגע לעבין אונ מען האט אים נאך גיגעבין אויף הוצאות. ער איז געקומען אין אדארף וואס דארט גייט דער וועג פון זיטאמער קיין קאטניע אין דעם דארף האט ער געוויסט אז זייא מוזן דארך פארין ווייל ער האט גיהערט אויפֿן וועג אז זייא זענען שוין ארוים געפארין פון זיטאמער ער

האט זיך אנידער גישטעלט אין א קרעטשמע אונ הארין ביז זייא וועלין
דארך פארין ווייל אין דרויסען איז גיוועהן אגרויסער פראסט איז שוין
גיוועזן באלד צוא שטייען אין דרויסען אין א קליינער צייט ארום זעהט
ער וויא זייא פארין ער איז ארויס אקיינגען זייא אונ גייט צוא גלייך צום
כתותן דער מחותן האט אים דער קענט אונ בעהט זיך בייא דעם
מחותן ער זאל אים מיט נעמין דאס קלומיטיל אונטער פירען קיין
בארדיטשוב דער מחותן האט שוין ניט גיוואלט ניין אזוי שלעכט אונ
אפ זאגען אים אזא קליינינקייט נאר דאס איינע בעהט איך פון אייך
זאגט הערשעלי מען זאל זיך ניט זעצין אויף דעם קלימיקיל וואָרום
איך בין גיוועזן דא ניט ווייט אויף א חתונה האט מען מיר גיגעבין
צווייא עופות גיבראטינע מיט אסאך לעקיך פיהר איך דאס דעם ווייב
א מתנה ער האט דאס אים צוא געזאגט אונ זייא זענין אוועק גיפארין
גיוויכט האט ער אז זייא דארפין זיך שטעלען אין באדניע פאכין דיא
פערד ער האט גיחאפט א פיריל אונ איז אויך אהן גיקומען קיין באדניע
אונ האט גיזעהן וויא זייערע פיהרין שטייען אין דרויסין אונ דיא פערד
פאסין זיך אלע קלימקעס האט מען אריין גינומין מען פרעגט עפים
עסין זאגט דיא בעל הביתטע זיא וועט הערשט צוא שטעלען עפים
קאכין זייא האבין גינומען צוא ביסלעך בראנפין אונ צוא פאר בייסען איז
ניט דא וואס איז געבליבען בייא אלע א הסכם מען זאל גיין צוא
הערשעלין קלימיקיל מען זאל אים אהן ... מען עפענט דאס קלימיקיל
מען האט אויף געוויקילט אויף דעם ארט וואס זייא האבין זיך גירעכט
צוא גפינען צווייא עופות גבראטעני האבען זייא גפונען אטויט קינד .
זייא זענען אלע שטארק דער שראקין גיווארין אונ האבען מורא גיהאט
פאר אבילבול האבין זייא גישיקט דעם משרת ער זאל רופען פון חברה
קדושה מען זאל צוא נעמין דאס קינד הערשעלי האט דאס אבער
פריער בעווארינט אונ איז גיקומען צוא דער חברה קדושה אונ האט
זייא גיזאגט איהר זאלט וויסען אז דא פארען גרויסע גבירים פון
צחתונה אונ זייא פירען מיט אטויט קינד עס איז אסברה אז עס איז
אממזר טאמער וועט מען קומען צוא אייך זאלט איר וויסען וואס איר
האט צוא טאן בקיצור דיא מעשה איז אזוי גיוועזן דיא חברה האבען
גינומען צווייא הונדערט רובל אונ האבען מקבר גיוועזן דאס קינד
אונ דיא מחותנים זענען זיך אוועק גיפארען , אז הערשיל איז גיקומען
קיין בארדיטשוב האט ער פאר אלע דער ציילט דיא מעשה אונ האט

גיזאגט אז מען זאל ניט געבען יעקבין מוז מען געבען עשרון און דיא איבעריקע חפצים פאר דעם קלימוקיל זינגען נאך ער טוס ביא דעם קרוטן :

ער איז גיקומען איין מאהל אין דער שטאדט ס"י האט מען אים גיזאגט אז היא וואונט אגרויסער גביר און אגרויסער קמצן מיט דעם נאמען ר' אייזיק קעפקע און ער גיט ניט קיין מאהל אויך אגראשין אנדבה און זיין ווייב רחלע גיט ניט קיין מאהל קיין שטיקול ברויט. זאגט ער איהר ועט זעהן. אז איך וועל אלעס פוילען. גיוויסט האט ער אז דער גביר ר' אייזיק פארט אפ היינט אויף קאנטראקטין קיין קיעב אויף מארגין נאך זיין אפ פארין האט ער אן גיטאן זיין שבתדיקע קאפאטע. און איז גיגאנגען גלייך צוא דעם גביר. מען האט אים גיפרעגט וואס באדרפט איהר ווייל דער משרת האט אים פריער מודיע גיוועזן אז דא גיט מען קיין נדבות ניט. האט ער גיזאגט אז ער דארף האבען וועגין אנייטיג גישעפט. ניט וועגין אנדבה. דער משרת איז גיגאנגען און האט דערציילט דעם ווייב רחלען. זיא האט אים גהייסען באלד אריין קומען און הייסט אים זיך זעצען און פרעגט אים וואס באדארפט איהר. זאגט ער אזוי, וויא איך האב גיהערט אז אייער מאן איז אגרויסער מבין און איז דער הויפט ערליכער מאן האב איך אים גיוואלט פאר טרויען אגישעפט וואס קיין אנדערין מענטש וויל איך ניט פאר טרויען ווייל אין דעם שטעקט אגרויסער גליק. מיר קענען ביידע פון דעם גליקליך זיין. אז זיא האט דאס דער הערט אזא מעשה. האט זיא אים גיהייסען באלד געבען אגלעזיל בראנפין און פאר בייסען. און זאגט צו אים. פיליכט איז מיגליך אז איך זאל אויך וויסען פון דעם. פיליכט וועל איך קענען מאכען מיט אייך דעם גשעק זאגט ער דאס גישעפט קען איך מיט אייך ניט מאכען עס זאל מיר אפילו שטיין צוא פאר דינען נאך אמאהל אזוי פיהל. נאר זאגען קען איך אייך. הגם איך וויים אז איהר זענט גאר קיין מבין ניט אויף דעם נאר איך בעהט אייך אז עס זאל בלייבען בסוד. עס איז גישטאנען אויף דעם טיש דאס גלעזיל וואס ער האט מיט דעם גיטרונקען בראנפען זאגט ער צוא איר. איר האט אזא דימענט וויא דאס גלעזיל וואס הט דיא ווערט ?

הגם מען הט מיר שוין אפילו געזאגט אז דא איז איין אנדערער נאר איך וויל קיינם
ניט גלייבין נאר ר' אייזיק ווייל איך ווייס אונ האב גיהערט אז ער איז איין
אויבערגעגעבער מאן אונ איין מבין. נאר מן הסתם איז אזוי בשערט אויף אגליק
אז איך זאל אים ניט טרעפין אין דער היים אז זיא האט דער הערט
אזא מעשה האט זיא גירעכינט אז ער האט דעם דימענט אין קעשיני
נאר ער וויל אים ניט ווייזין איז בייא איר גיבליבען אהסכם אזוי ,
אז זיא זאל אים ניט אפ קאנין ביז איר מאן וועט קימען פון קיעב. ער הט
פאר שמאנין דיא מעשה האט ער זיך גילאזט אוועק גיין. זאגט זיא
צוא אים ווייסט איר וואס ר' קרוב נעמט איר דא אויס ביז מיין מאן
וועט קומען אונ איך וועל אייך דא געבין צוא עסין אונ צוא טרינקען
אונ אבאזונדער חדר צוא שלאפין זאגט ער יא אלעס איז רעכט צוא איך
וועל מאכין מיט ר' אייזיקין דאס גישעפט צוא ניט איך באדף דאך
שיקען מיין ווייב אביסיל געלד אויף הוצאות ווארום אז ניט מיט אייער
מאן קען איך דאך דער ווייל מאכען דאס גישעפט מיט איין אנדערין .
אונ זיא האט גירעכינט אז ער האט רעכט ווייל זיא האט גיזעהן אז
ער רעד מיט איין ערנצטע מינע אונ פאר קיין שווינדלער האט ער
איהר ניט אויס גיוויזען האט זיא אים גיגעבין עטליכי רובל אונ ער
האט דער ווייל אפ גישיקט מיט פאסט אהיים אונ אים האט מען
אפ גיגעבין אחדר מיט עסין אונ מיט טרינקען כיד המלך זיין ארבעט
פלעגט זיין צוא שטיין אונ קיקען אין פענצטער אגאנצי טאג אונ זאגען
דיא ווערטער. וויא העלפט שוין גאט אז ר' אייזיק זאל קומען וועט אלעס
רעכט זיין בייא מיר גייט ניט אין עסין אונ טרינקען נאר ווייל דיא צייט
איז בייא מיר טייער , הכלל גאט האט גיהאלפין ר' אייזיק איז גיקומען
ערב שבת פאר נאכט בייא דעם ערשטין אראפ גיין פון דער פיהר האט
אים זיין ווייב רחלע דערציילט וואס פאר איין גליק עס ווארט אויף אים.
עס ווארט אויף דיר איוד אונ ער האט צוא פאר קויפין אדימענט דיא
גרייס פון אים איז וויא אהייא . זאגט ער שווייג נאר שטיל עס וועט
רעכט זיין . צום עסין האט ער אים גיזעצט לעבין זיך אונ האט אים
גיגעבין אגוט גלעזיל ויין הערשעלי איז גיווארין פריילעך האט ער
אנגיהויבין צוא זינגען שיינע זמירות ווייל ער האט דאך גיקענט פון
לאנג אין דער פריא אויך אזויא צום שלוש סעודות נאך מעהר .
ר' אייזיקיל מיט דעם ווייב רחלען האבען קוים דער לעבט צוא מאכין
הבדלה. ר' אייזיק האט אן גיהויבין צוא מאכין אשמים מיט דעם אובח

וועגין

זָעגְן דִיכְטֶענְט זָאגְט עֶר קֵיין דִיכְטֶענְט הָאבּ אִיךְ נִיט נָאר וָואס דֶען אִיךְ גֵייא אוּם אַלֶע דֶערְפֶער אוּנ קוֹיף אוֹיף אַלֶעם וָואס מִיר קִימְט צוּא דֶער הַאנְט׳ • פִילֵייכְט וֶועט מִיר קוּמֶען צוּא דֶער הַאנְד אַדִימֶענְט דִיא גְרֵייס פוּן אַגְלֶעזִיל וֶועל אִיךְ דָאךְ נִיט וִויסְן וָואס צוּא גֶעבִּין אוּנ וִויא פִיהְל אִיךְ קָאן נֶעמִין פַר דֶעם אוּנ פַר קֵיין אַנְדֶערִין וִויל אִיךְ דָאס נִיט פַאר טְרוֹיעֶן עֵייל אִיךְ הָאבּ גִיהֶערְט אַז אִיר זֶענְט דֶער הוֹיפְּט אוֹיבֶּערְנְטְלִיכֶער מַאן וֶועט אִיר מִיר זָאגִין דֶעם אֶמֶת • ר׳ אֵייזִיק מִיט דֶעם וַוייבּ רָחֶלֶע הָאבִּין דֶער הֶערְט דִיא רֵייד הָאבִּין זֵייא אַרָאפּ גִילָאזְט דִיא גֶעז אוּנ הָאבִּין גִיזָאגְט אוּנְטֶער דֶער נָאז בַּייא דֶעם נָאל אַיךְ דִיא נְשָׁמָה אַרוֹיס אוּנ אַרוֹיס פוּן מַיין שְׁטוּבּ :

דֶער רַבִּי ר׳ בָּרוּכִיל הָאט אִים פִיהְל מָאהְל גִיבֶּעטִין אַז עֶר וֶועט מִיט אִים פַאר פָארִין אוֹיף אַסְטַאנְצְיֶע זָאל עֶר זֶעהְן אַז עֶס זָאל זַיין אַרוּהִיגְ אָרְט הֶערְשֶׁעלִי הָאט לִיבּ גִיהַאט תָּמִיד צוּא טָאהְן פַאר קֶערְט וָואס דֶער רַבִּי הָאט אִים גִיהֵייסִין אוּנ הָאט דָאס דֶער נָאךְ אוֹיס גֶעפִירְט אַז דֶער רֶבִּי זָאל הָאבִּין פוּן עֶפִּים צוּא לַאכִין עֶר הָאט אִים אֵיין מָאהְל אַרַיין גִיפִירְט אוֹיף אַסְטַאנְצְיֶע וָואס עֶס אִיז דַוְקָא גִוֶועז אַקְלֵיין קִינְד צוּם גְלִיק הָאט דָאס קִינְד אַגַאנְצֶע נַאכְט גִיוַויינְט זָאגְט צוּא אִים דֶער רֶבִּי נָאךְ וָואס הָאסְט דוּא דָאס גִיטָאהְן זָאגְט הֶערְשֶׁעלִי אִיהְר מֵיינְט דָאס אִיז אַפְּרָאסְט קִינְד דָאס אִיז אֵיין אֵיינִיקִיל אוּנ פוּן דִיא אֵיינִיקְלַאךְ וֶועט מֶען לֵיידִין אַ צֵייט מִיט יָאהְרִין :

אֵיין מָאהְל אִיז עֶר גִיקוּמִין אִין אַשְׁטָאט דָארְטִין אִיז גִיהַאט גִיקִימֶען אַרֶעבִּיצִין זִיא הָאט זִיךְ גִיזָאגְט אַז זִיא אִיז אַבְרָהָם שֵׁיינֶעם אַאֵיינִיקִיל אוּנ דִיא שְׁטָאט הָאט פוּן אִיהְר נִיט גִיקָאנְט פָּטוּר וֶוערִין אַז זֵייא הָאבֶּען דֶער זֶעהְן הֶערְשֶׁעלִין הָאבֶּען זֵייא זִיךְ נָאר מְחַיֶּה גִיוֶועז וַוייל זֵייא הָאבֶּען גִיוְויסְט אַז הֶערְשֶׁעלִי קֶען אַלְצְדִינְג וֶועט עֶר דָא אוֹיךְ עֶפֶּעס קֶענֶען מַאכֶען עֵקִינְץ אִיז בַּייא זֵייא גִיבְּלִיבִּין מֶען זָאל אִים פְרֶעגִין אֵיין עֵצָה זָאגְט עֶר עֶר הָאט גְלֵייךְ אֵיין עֵצָה מֶען הָאט גִימַאכְט גְלֵייךְ אַבְרָכָה

אַזוי וויא אִיהְרֶם אַ שְׁוֶועסְטֶער ווייל עֶר הָאט גִיוְויסְט פוּן אִיהְרֶם אַ שְׁוֶועכְטֶער
וָואס זיא הָאט אִין בַּאלְטָא אוּנ זיא הָאט זיך שוֹין מִיט אִיר נִיט גִיזֶעהְן
פוּן צֶעהְן יָאהְר אִין בְּרִיף אִיז אַזוי גִישְׁטַאנֶען . אַז מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ
וָואס אִיך שִׁיק דִיר דֶעם בְּרִיף זָאלְסְט דוּא זֶעהְן וָואס גֶעבֶער קִימֶען
אוֹיף דֶער חַתוּנָה וָואס אִיך מַאך מַיין בַּת יְחִידָה אוּנ נָאך פִיהְל זַאכֶען
אִיז גִישְׁטַאנִין אִין דֶעם בְּרִיף . אַז זיא הָאט אִיבֶּער גִלֵיינְט דֶעם בְּרִיף
וָואס הֶערְשֶׁעלִי הָאט אִיהְר דֶער לַאנְגְט הָאט זיא אַוֶועק גִילֵייגְט צַלֶע
זַאכֶען אוּנ הָאט גִידִינְגֶען אַפִּיהְר אוּנ הָאט מִיט גִינוּמִין הֶערְשֶׁעלִין אוֹיף
אוּנ זֶענֶען אַוֶועק גִיפָארִין קֵיין בַּאלְטָא :

הֶערְשֶׁעלִי הָאט זיך גִימַאכְט אֵיין מָאהְל אֵיין קַאפָּאטֶע אִיז זיא גִיוֶועזֶען
פָארִינְט פוּן אַטְלִיס אוּנ הִינְטִין פוּן לֵייוְוינְט אוּנ אִיז אַזוי גִיגַאנְגִין אִין
קְלוֹיז אַריין דַאוְונִין . הָאבִּין דֶערְזֶעהְן דִיא חֲסִידִים אוּנ הָאבִּין פוּן אִים
אָנְגִיהוֹיבִּין שְׁטַארִיק צוּא לַאכִין אוּנ זָאגִין הֶערְשִׁיל וָואס הָאסְט דוּא
גִיטָאהְן זָאגְט עֶר אַזוי פָארִינְט בַּארְף אִיך קִיקִין הָאבּ אִיך לִיבּ צוּא קִיקִין
אוֹיף אַטְלֶעס אוּנ הִינְטֶען דֶעם וָואס גִיפֶעלְט נִיט צוּא קִיקֶען אוֹיף
לֵייוְוינְט לָאז עֶר מִיר גֶעבִּין אוֹיף אַטְלֶעס . דִיא עֶלְטֶערִי מֶענְטְשִׁין פוּן
קְלוֹיז הָאבֶּען זיך שְׁטַארְק צוּא לַאכְט אוּנ זֶענֶען אַוֶועק גִיגַאנְגֶען דִיא
יוּנְגֶע לֵייט הָאבִּין אַגַאנְץ דַאוְונִין גִיהַאלְטִין אִין אֵיין לַאכִין אַז הֶערְשִׁיל
הָאט גִיוָואלְט אַוֶועק גֵיין הָאבִּין זֵייא אִים נִיט גִילָאזְט אוּנ הָאבִּין אִים
אַזוי גִיזָאגְט וֶועט אִיר אוּנְז זָאגִין אַגְלַייכִי זַאך אִיז גוּט אוּנ אַז נִיט צוּא
בַייסִין מִיר דָא אוֹיף אַייך דִיא קַאפָּאטֶע זָאגְט עֶר אָבֶּער אִיר וֶועט נִיט
זַיין בְּרוֹגֶז זָאגִין זֵייא נֵיין הָאט עֶר גִינִימִין אַתְּהִלִּים אוּנ הָאט זֵייא
אוֹיף גִיטַייטְשְׁט אוּנ הָאט אָן גִהוֹיבִּין צוּא זָאגִין אוֹיף אַייך הָאט דָוִד
הַמֶלֶךְ נְבִיאוּת גִיזָאגְט מִיט אַוויינֶעדִיקִין קוֹל סְבָבוּנִי כְּלָבִים עֲדַת מְרֵעִים .
אוּנ נָאך אַפָּסוּק יְהַלְכוּ בִּגְדֵי דָהֶם וְעַל לְבוּשֵׁי יַפִּילוּ גוֹרָל עֶם הֵייסְט
אַזַאך הִינְד הָאבִּין מִיך בֶּעפַאלֶען אוּנ ווילִין צוּא בַייסִין אוֹיף מִיר
דִיא מַלְבּוּשִׁים אוּנ דִיא יוּנְגֶע לֵייט הָאבִּין דָאס דֶער הֶערְט הָאבִּין
זֵייא זיך אָפּ גִיטְרָאגִין פוּן אִים :

מיין מאמר איז גיקומען צוא אים צבגל חוב וָואס עֶר הָאט גיליטן

בייא

בייא אים פונפן געלד פופצין רובל ווען ער האט נידארפט אכונר חתונה מאכין. אונ האט אים נים גיהאט אפ צוא געבין זאגט ער צום בעל חוב אזוי ווען דוא גיסט מיר נאך צווייא רובל האב איך אפסאן וואס איך קען דיר דעם חוב אפ געבין אונ מיר וואל נאך אויך עפעס בלייבין האט ער אים גיגעבין צווייא קערבליך ווייל ער האט גיוואלט זעהן וואס פאר אפלאן ער האט אונ ער האט אים גישווארין אז ער וועט זייא צוא אים אין קעשעני ניט אביין לייגען. בכלל לאס איך שוין זעהן זאגט דער בעל חוב וואס דוא וועסט טאהן מיט דיא צווייא קערבליך. זאגט ער קום איז ער מיט אים גיגאנגין אויף דעם מארק מארג אונ האט גיקויפט פיניף הינער זעהסט דוא דיא פיניף הינער וועלין לייגען אייער יעדער הין צוא דרייסיג בס"ה הונדערט פופציג אייער דיא הינער וועל איך איבער זעצין אויף דיא אייער וועלין זייא אוים פירען הינדליך אזוי לאנג וועט עס גיין ביז איך וועל אוים האדיווין צבאך הינער וועל איך פאר קויפען דיא העלפט אונ וועל דיר בצאלין דין חוב דער בעל חוב האט אן גיהויבין שטארק צוא לאכין זאגט הערשעלי צייא דוא לאכסט שוין עניג איך האב דיר שוין גיסידיקט וואס וועלין טאהן דיא איבעריגע בעלי חובות:

מזל טוב, הערשעלע האט חתונה גימאכט [illegible]. קענט איהר פאר שטיין וויא אלע נבעטעני לייט האבין גיהוליעט אונ גיטאנצט. נייער צחוק'ס דורך אנאנדער האבין זייא צוא נאך גימאכט נדבות אויף הכנסת כלה. כדי וויא זאלין האבין אחלק אין דער סעודה. הערשיל האט צוא גיזאגט צוא געבין צווייא יאהר קעסט מיט אין רודה ר"ה מיט שפאנגע אין דיא הייער אונ אפלאץ אויף דעם בית הקברות נאך דער חתונה האט זיך דער יונגער מאן גיזעצט לערנין אין קלויז נייער מיט צווייא יאהר קעסט איז ער גיוועען פאר זארגט אונ אפאך איבער קלעדין האט ער גאר ניט גיטראכט גאר צוא עסין האט ער גיט גיהאט וואס אונ דער צוא האט ער זיך גישעהמט אוים צוא זאגען נאר דיא יונגע לייט האבען אליין פאר שטאנין אז ער האט גיט גיהאט וואס צוא עסין אונ זייא האבין גיזעהן אז ער איז אוים גיבארט גיווארין אונ ער האט שוין קיין כח נים גיהאט ארום צוא גיין.

מיט אַמָאהל איז הערשיל גיקומען צוא גיין אין דעם קלויז אַריין האָבען איהם אַלע יונגע לייט אָן גיהויבען צוא פרעגען פאר וואס ער גיט זיין אדים קיין קעסט ניט אונ ער לייט הונגער . ענטפערט הערשיל דיא יונגע לייט ווער הייבט איהם זיין צוויקער. ער וויל איך זאל אים צוא פראגען גרייט. איך זאָגע איהם דען צוא עסין . פון היינט אָהן זאָגט איהר אַלע זיין עדות אז אלע טאג אין דער פרוה זאל ער זיך צולין נעמין אגעלעניל קיוע מיט מילך אונ אז ער וועט קומען פון דעם דאווינען זאל ער זיך צולין צוא גיין צוא דער שאפע אונ זאל זיך אָן גיסין אגעלעזיל בראנפין מיט אשטיקיל לעקעך צוא פאר בייסין אונ זאל זיך נעמין צוא עסין פון דעם בעסטין אונ פון דעם שענצטין נאָרום איך זאָליוע איהם ניט קיין עסין אונ טרינקען . אונ אויב אז ער וועט ניט אזוי טאהן וויא איך האב אים גהייסין ער זאל זיך אליין נערין צוא עסין אונ צוא טרינקען האב איך אין דעם קיין שום שולד ניט , דיא יונגע לייט האבין פאר שטאנין אז הערשיל איז גירעכט ווייל ער האט אליין ניט גיהאט וואס צוא עסין . וואס זאל ער דאך געבין דעם אדים צוא עסין קעסט . נאר יודען זענען דאך רחמנים בני רחמנים האבין זייא אויף איהם רחמנות גיהאט אונ האבין איהם גישיקט פאר אין טבער :

ענדע

ר' הערשעלע עסטעטרפאליער נומער 1 — פרייז 5 קאפ'

ר' הערשעלע עסטעטרפאליער נומער 2 — " 5 "

ניי עקדאטען וויצען מעשה'ליך פון ר' הערשעלע עסטעטרפאליער — פרייז 5 קאפ'

ווי הערשעלע לערענט מסכת פורים אונ איז משמח דעם עולם — פרייז 5 קאפ'

שלמה ליגנער דערצעהלט וויטצען פון זיין רבי ר' הערשעלע — פרייז 5 קאפ'

ר' מרדכי ראקאווער דר אלטסטער תלמוד פון ר' הערשעלע — " 5 "

דער באריהמטער וויצלונג ר' אפרים גריידינגער — " 10 "

דאס חעלעמער וויצבלאט — " 5 "

דאס וויצבלאט דער „פיפער" : — " 5 "

דער געהרג'טער קאנטארשציק אדער „דער אומגעבראכטער טויט פון פיינגעלעס". אין יאהר תרנ"ז

(1896) צוואנציג טאג אין חודש כסלו האט פאסירט אין ווארשא א שרעקליכע געשיכטע. א געוויסער אברהם פיינגעלעס, א יונגער מענש פון א יאהר אכטצעהן, איז געגאנגען טוישען (וועקסלען) פיער טויזענד רובעל וואס זיין הערר, א קאנטאריסט, האט איהם געגעבען. עס איז אוועק א פאאר טאג און פיינגעלעס מיט דעם געלד זענען פערשוואונדען געווארען, האט עס דער קאנטאריסט איבערגעגעבען אין פאליציע. פאליציע האט געזוכט און איז דערגאנגען אז דער פיינגעלעס האט געהאט א פאאר קאלעגעס, איינער א געוויסער יעקב קליינויד א פאמאצניק ביי א דענטיסט און דער צווייטער א קריסט לעאפאלד שטשעפינסקי וועלכער איז אלט געוועזען ניינצעהן יאהר. מען איז אוועק אהיים צו די צוויי קאלעגעס און מען האט געמאכט ביי זיי א שטארקע רעוויזיע (אביסק). דארט איז מען דערגאנגען אז די צוויי גוטע פריינד, וויסענדיג אז פיינגעלעס האט ביי זיך אזוי פיעל געלד, האבען זיי איהם פארבעטען צו שטשעפינסקי'ן אהיים, דארט האבען זיי צוזאממען געמאכט א שנאפסיל און זיי האבען אריינגעטהון אין פיינגעלעס גלאזיל קאקאיינע. פיינגעלעס האט דאס נישט בעמערקט, ער האט דאס אויסגעטרונקען און איז גלייך איינגעשלאפען. דאנן זיינען די צוויי קאלעגעס איהם בעפאללען ווי די חיות אין וואלד, קליינויד האט איהם געשאסען מיט א רעוואלווער און שטשעפינסקי האט איהם צוהאקט דעם קאפ מיט א שוסטער-האמער. נאכהער האבען זיי ארומגענומען זיין האלז מיט א האנדטוך און איהם דערווארגען ביז ער איז שוין געוועזען אין גאנצען טויט, דאנן האבען זיי ביי איהם ארויסגענומען דאס געלד און אריינגעפאקט אין א קאסטען וועלכען זיי האבען פערקלאפט מיט טשוועקעס, פארשנורעוועט מיט שטריק און אוועקגעשיקט צו דער וויענער באהן און עקספעדירט אלס א קאסטען סחורה קיין לאדז. דערביי מוזען מיר בעמערקען זייער אכזריות, אז ווייל זיי האבען איהם נישט געקענט איינפאקען גלייך אין קאסטען האבען זיי איהם נאך אבגעשניטען די פיס און אזוי צובראכען די ביינער. זיי זענען אליין אויך געפאהרען קיין לאדז, פון דארטען האבען זיי דעם קאסטען עקספעדירט קיין אדעססא און אליין צוריק געקומען אהיים קיין ווארשא. נור דא ווען מען האט זיי ארעסטירט און זיך פעסט גענומען צו זיי האבען זיי זיך איינ

דעם אללעם מודה געוועזען. אז מען האט דעם ־קאסטען גוט דעם אונגליקליכען פייגעלעס צוריקגעצויגען אונ מען האט איהם געבראכט צו קבר ישראל האט גאנץ ווארשא געקאכט ווי א קאסיל. טויזענדטער מענשען זענען נאך זיין לויה נאכגעגאנגען אונ האבען בעדויערט זיין יונגען טוידט. דער בעריהמטער בדחן מ. שלייפשטיין פון ווארשא האט געמאכט דערפון א ביכעל מיט לידער אין צוויי טהייל: די ערשטע טהייל אונטער דעם נאמען „דער געהרג'טער קאנטארשציק אדער דער אומגעקומענער טוידט פון פייגעלעס" אין דעם ליעד איז אללעס בעשריעבען וואס עס האט פאסירט, זעהר שאן פערפאסט צו זינגען מיט דער מעלאדיע פון דאקטאר אלמאסאדא „פאריאמערט פארקלאגט". פרייז 10 קאפ.

פייגעלעס טויט אדער די מארדערס פאר די ספראווע. אונטער דעם נאמען איז געדרוקט דער צווייטער טהייל פון דיא געשיכטע וואס עס שטעהט פריהער. אין דעם ביכעל איז בעשריעבען די גאנצע ערצאהלונג אין העברעאיש אונ זשארגאן אלס פארעדע, נאכדעם א ליעד פון „די מארדערס אין טיורמא" צו זינגען מיט די מעלאדיע פון דעם טעאטערשטיק בר כוכבא „אין אונזער שטאדט ירושלים"; „דער חלום" אדער די מארדערס אין טיורמא אדראמאטישע פאעזיע בעשריעבען אין גראמען; „א ליעד פון די פראגעס ביי דעם סלעדאוואטעל" צו זינגען מיט די מעלאדיע פון נייכצעהנטען יאהר־הונדערט צונזער'ס „פון אזיען אין איראפא"; „א ליעד ווי קליינוואד בעדויערט זיין שיקזאל" צוא זינגען מיט דיא מעלאדיע פון יודישען סבלן „רבונו של עולם, מלא משאלות לבי לטובה"; „שטשעפינסקי'ס מאדליטווא" דאס איז אפויליש ליעד מיט יודישע אותיות. צו זינגען מיט דיזעלבע מעלאדיע פון יודישען סבלן; „די טרויריגע סצענע" ווי פייגעלעס מוטטער געהט דאס ערשטע מאהל אויף איהר זוהן'ס קבר אונ בעוויינט איהר קינד, דאס איז אויך בעשריבען מיט גראמען; „דער שרעקליכער הספד פון פייגעלעס מוטטער", א ליעד צו זינגען מיט דער מעלאדיע פון דעם טעאטערשטיק די צויבער'ן „ווי איז מיר אונ ביטער אין די יעצטיגע שעה" אונ אם ענדע „דער טויט־אנטוואורט" אויך א ליעד צו זינגען מיט דער מעלאדיע פון טעאטער־שטיק שולמית „שבת, יום טוב אונ ראש חדש". פרייז 15 קאפ.

צו בעקומען אין דער בוכהאנדלונג פון דעם הערויסגעבער
ל. מארגענשטערן, ווארשא פראנציסקאנער שטראססע 26 №

ספר תולדות ושבחי בעל שם טוב, וואונדערליכע מעשׂיות פון דעם גרויסען בע' שם טוב הקדוש. אין דעם ספר איז בעשריעבען דאס לעבען פון בעריהמטע יודישע גרויסע לייט, חכמים, פילוסופים, פירשטען אונ מיניסטארען וואס זייער גוטער נאמען האט געקלונגען אויף דער גאנצער וועלט, וואס מיט זייא האט פאססירט פון דער צייט אן וואס זייא זענען געבוירען געווארען ביז דעם לעצטען טאג פון זייער לעבען. א) רבי שמואל הנגיד ז"ל דער מחבר פון מבוא התלמוד וואס ווערדט געדרוקט אין ענדע פון מסכת ברכות, אויך האט ער מחבר געוועזען דעם ספר הלכות גדולות אונ נאך פיעל טהייערע ספרים. ער איז געוועזען א פירשט ביי דיא אראבישע קעניגען, זייא האבען איהם זעהר ליעב געהאט, זיין קעניג האט אמאל אויף איהם געזאגט: "אזוי וויא יעדער קייזער האט דאך א מלאך אין הימעל, גלויב איך געוויס אז רבי שמואל הנגיד איז מיין מלאך". דיא גרעסטע חכמים אונ פילוסופים אין זיין צייט האבען אויף איהם געזאגט אז אין איהם איז דיא נשמה פון משה רבינו עליו השלום. ב) זיין זוהן רבי יוסף הנגיד וואס איז אויך געוועזען מיניסטער אזוי וויא זיין פאטער ביי די אראבישע קעניגען, נור די איבריגע מיניסטארען האבען זיך אין איהם מתקנא געוועזען, זיי האבען אויף איהם אנגערעדט אזוי פיעל לשון הרע אז דאס מיליטאר איז בעפאללען אויף זיין הויז, ער האט זיך געמוזט בעהאלטען אין קאהלען-קאממער אונ זיין פנים האט זיך איינגעשווארצט, מען האט איהם אבער דערקאנט, זיי האבען איהם דערשטאכען אונ דערנאך האבען זיי זיין טוידטען קערפער אויפגעהאנגען. ג) רב בוסתנאי גאון ראש ישיבה אין דער גרויסע ישיבה פון פומבדיתא. איבערזעצט ריכטיג פון לשון הקדש נאך דעם סדר הדורות פון גרויסען גאון ר' יחיאל היילפערן זכר צדיק לברכה. ד) רבי שלמה בן גבירול א גרויסער מליץ אונ משורר, דער מחבר פון די בעריהמטע תפלה "כתר מלכות" וואס איז שוין איבערגעזעצט געווארען אין א סך שפראכען, פיעל יודישע קהלות זאגען דעם "כתר מלכות" יום כפור ביי נאכט. אויף דעם רבי שלמה בן גבירול האט א גרויסער פילוסוף אין זיין צייט געזאגט: אז לויט אפלטון'ס דעה וואס ער זאגט אז דער מענש עהדער ער געהט אויף דיזע וועלט קאנן ער אללע חכמות, נור אז אם קוממט דיא צייט ער זאל געבוירען ווערען

גיט איהם אַמַלְאָךְ אַ שְׁנֶעלל אין נָאז אונ עֶר פֶערְגֶעסְט אַללֶעס, האט זיך מַסְתְּמָא בייא ר' שְׁלמֹה בֶּן גַּבִּירול גֶעטְרָאפֶען אַ סִבָּה אַז בְּעֵת עֶר איז גֶעבּויֶרן גֶעוָואֶרען האט זיך דֶער מַלְאָךְ פַארקוּקְט אונ האט פֶערגֶעסֶען איהם צוּא גֶעבֶּען דֶעם שְׁנֶעלל אין נָאז, דֶעריבֶּער האט עֶר נָאךְ גֶעדֶענְקְט אַללֶע חָכְמוֹת פוּן יֶענֶע וֶועלְט. דורךְ זיינֶע טְהֵייעֶרֶע שִׁירִים וָואס עֶר האט גֶעשְׁרִיבֶּען אין אַראַבִּישֶׁע שְׁפּרַאךְ האט זיך איין אַראַבִּישֶׁער דִיכְטֶער (מְשׁוֹרֵר) אין איהם מִתְקַנֵּא גֶעוועזֶען עֶר האט איהם גֶעטֶאדְט אונ בֶּעגְרָאבֶּען אין זיין גָארְטֶען אונטֶער אַ פֵייגֶענְבּוים. נור דורךְ דֶעם וָואס דֶער פֵייגֶענבוים האט דֶערנָאךְ אַרויסגֶעגֶעבֶּען זֶעהר וואונדֶערבַּארֶע שְׁמֶעקֶענְדִיגֶע פֵּרות איז מֶען דאס דֶערנאגֶגען. הי רַבֵּינוּ בְּחַיֵּי הַדַּיָּין הַסְפָרַדִי, דֶער מְחַבֵּר פון דֶעם טְהֵייעֶרען הֵיילִיגֶען סֵפֶר „חובת הַלְבָבות“. עֶר האט איהם פֶערְפַאסְט אין אַראבִּישֶׁען אונ רַבִּי יְהוּדָה אֶבֶּן תִּבּוֹן האט איהם אִיבֶּערְזֶעצְט אויף לָשׁוֹן הַקֹדֶשׁ. דאס טְהֵייעֶרֶע סֵפֶר איז שוין איבֶּערְזֶעצְט גֶעוָואֶרען אויף גְרִיכִישׁ, שְׁפַּאנִישׁ, פָארְטוּגֶעזִישׁ, רוסִישׁ אונ דייטש. אויך האט מֶען שוין גֶעמַאכְט אויף דֶעם זֶעהר פִיעל פֵּירוּשִׁים.

דאס סֵפֶר הַאלְט 48 זֵייטֶען גְרוֹיס פָארְמַאט. פרייז 15 קאפ'.

אַ גֶעשֶׁעפְט פון צֶעהן טויזֶענְד רובֶּעל בייא צְווייא גוטֶע בְּרִידֶער. עֶס איז דאס בֶּעסְטֶע גֶעשֶׁעפְט אין הַיינְטִיגֶע צייט צוא קויפֶען אַ גֶעשֶׁעפְט פון צֶעהן טויזֶענְד רובֶּעל פַאר צֶעהן קָאפֶּעקֶען. יֶען פון דֶעם בִּיכֶעל איז דֶער פרייז 10 קאפ'.

דער שֶׁאנֶער בְּרִילְיַאנְט לֵאָה דֶעם דַיָין'ס אָדֶער „דֶעם צוּקֶער פאבְּרִיקַאנְט'ס טָאכְטֶער" אַ רָאמַאן. (פָארטזֶעצוּנְג פון אַ גֶעשֶׁעפְט פון צֶעהן טויזֶענְד רובֶּעל). פרייז 10 קאפ'.

צְווישֶׁען אַלְטֶע בַּאנְדִיטֶען אָדֶער „צְוַואנְצִיג יָאהר קאטֶערְגֶע" אַ רָאמַאן. (פָארְטְזֶעצוּנג פון שֶׁאנֶער בְּרִילְיַאנְט). פרייז 10 קאפ'.

צו בֶּעקוּמֶען אין דֶער בוּכְהַאנדְלוּנְג פון דֶעם הֶערויסְגֶעבֶּער
ל. מארגֶענשְׁטֶערן ווארְשַׁא פְרַאנְצִישְׁקַאנֶער שְׁטְרַאסֶע № 26

יְעֶקעלֶע קוּנְדַאס אָדֶער „וואוּ תּוֹרָה דָארְט חָכְמָה״, וָעהר אַ שֶׁאנֶע מַעֲשֶׂה וָואס הָאט זִיךְ נִישְׁט לַאנְג פַארְלָאפֶען אִין אַקְלֵיין שְׁטֶאדְט׳ל אִין פּוֹילֶען. גֶעשְׁרִיבֶּען פוּן דֶעם קָארֶעוֶוער בָּחוּר אב״ש.

יֶעקֶעלֶע קוּנְדאס אִיז אַוואהרֶער רָאמַאן פוּן דֶעם יוּדִישְׁען לֶעבֶּען אִין דִיא קְלֵיינֶע שְׁטֶאדְטְלִיךְ אִין פּוֹילֶען. אִין דֶעם רָאמַאן „יֶעקְעלֶע קוּנְדאס״ הָאט דֶער פֶערפַאסֶער בֶּעוויזֶען וָעלְטֶענֶע פֶּעהִיגְקֵייטֶען; דֶער הֶעלְד פוּן אוּנְזֶער גֶעשִׁיכְטֶע, יֶעקְעלֶע קוּנְדַאס, וָעהר אַ שָׁאן אוּנ וָעהר אַ קְלוּג קִינְד, הָאט גֶעהַאט אַ זֵיידֶען אַ רָב אִין אַ קְלֵיין שְׁטֶאדְט׳ל. דֶער פָאטֶער זַיינֶער (יֶעקְעלֶע׳ס) הָאט שׁוין פֶערְשְׁטַאנֶען אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ וָעהר אַסַךְ זַאכֶען וָואס מֶען דַארְף קָאנֶען, חוּץ לֶערְנֶען, אוּנ הָאט זַיין זוּהן אוֹיךְ גֶעגֶעבֶּען צוּא פֶערְשְׁטֶעהן אַז מֶען דַארְף וֶוערֶען אַ מֶענְשׁ, אַ נוּטְצְלִיכֶער מֶענְשׁ, נִישְׁט נוּר פַאר זִיךְ זֶעלְבְּסְט, נוּר מֶען דַארְף זַיין נוּצְלִיךְ פַאר דִי גַאנְצֶע מֶענְשְׁלִיכֶע גֶעזֶעלְלְשַׁאפְט. יֶעקְעלֶעס עֶלְטֶערן זַיינֶען אִיהם גַאנְץ פְּרִיה אָבְּגֶעשְׁטָארְבֶּען אוּנ עֶר אִיז אַוֶועק צוּא צְוֶועלְף יָאהר אִין אַ יְשִׁיבָה אַרֵיין אִין אַ קְלֵיין חֲסִידִישׁ שְׁטֶאדְטִיל וואוּ עֶס וואהנְט אַ רֶבִּי, דָארְט קְרִינְט יֶעקְעלֶע בַּאלְד אַ שֵׁם פַאר אַ עִלוּי אוּנ קְרִינְט צוּ עֶסֶען טָאג אִין דִיא גְרֶאסְטֶע גְבִירִישֶׁע הַייזֶער. יֶעקְעלֶע בֶּעקֶענְט זִיךְ מִיט דֶעם גְרֶאסְטֶען גְבִיר׳ס טָאכְטֶער מַלְכָּה׳לֶע ר׳ חָנָן דַאנְצִיגֶער׳ס אוּנ גֶעפִינְט בַּיי אִיהר גְרוֹיס חֵן. מַלְכָּה׳לֶע לֶערְנְט אִיהם אוֹיס אִין אֵיין שָׁעָה דִיא פּוֹילִישֶׁע אַבֶּעצַאדְלֶע, דִיא רוּסִישֶׁע אַזְבּוּקַא אוּנ דֶעם דֵייטְשֶׁען אַלְפַאבֶּעט, יֶעקְעלֶע לֶערְנְט נַאכְהֶער דִיא אַלֶּע לְשׁוֹנוֹת מִיט גְרוֹיס חֵשֶׁק וִוינְטֶער אִין דִי גְרֶאסְטֶע פְרָאסְט אוֹיף אַ פּוּסְטֶען בּוֹידֶעם אִיבֶּער דִיא בָּאד. דִיא גַאנְצֶע שְׁטָאדְט דֶערְשְׁרֶעקְט זִיךְ אוּנ מֵיינְט אַ לֵץ נִיצְט אוֹיף דֶעם בּוֹידֶעם, דֶער רֶבִּי נֶעהמְט זָעהר אַ גְרוֹיסֶען פִּדְיוֹן אוּנ פַארְטְרַייבְּט דֶעם לֵץ. יֶעקְעלֶע דֶערְקֶאנְט זִיךְ מִיט דֶעם בּוֹרְגֶמֵיסְטֶער פוּנ׳ם שְׁטֶאדְט׳ל אוּנ בֶּעקוּמְט שְׁטִיצֶע אִין בִּילְדוּנְג. מַלְכָּה׳לֶע פֶערְלִיעבְּט זִיךְ אִין יֶעקְעלֶען אִיבֶּער דִי אוֹיעֶרן אוּנ זָאגְט דֶערִיבֶּער אָפּ חַייֶעקֶען דֶעם רֶבִּי׳ס זוּהן וָואס הָאט אוֹיף אִיהר גֶעוָוארְפֶען אַ אוֹיג חַייֶקֶע פַארְשְׁטֶעהט אַז יֶעקְעלֶע אִיז אִיהם אִין וֶועג אוּנ פַּארְסַמ׳ט אִיהם מִיט אַרְשֶׁענִיק. יֶעקְעלֶע וֶוערְדְט דוּרְךְ וואוּנְדֶער גֶערֶעטֶעט, פָאהרְט אַוֶועק קֵיין בֶּערְלִין שְׁטוּדִירֶען אוּנ קוּמְט צוּרִיקְק אַלְס גֶעוֶועזֶענֶער אִינְזְשִׁינֶער מִיט גָאלְדֶענֶע עֶפָּאלֶעטֶען אוּנ בֶּעהַאנְגֶען מִיט מֶעדַאלְיֶען.

דיא אללע סצענעס אין דעם ראמאן זיינען אזוי נאטור־טרײַ
געשילדערט אז ווענן מען לייענט אויס דעם ראמאן איז דעם לעזער
א שאד פאר וואס ער האט איהם שוין אויסגעלייענט, פאר וואס
איז ער נישט זעקס מאל אזוי גרויס.

קויפט אונ לעזט דעם ראמאן „יעקעלע קונדאס" אדער וואו
תורה דארט חכמה". פרייז 20 קאפ'.

דער פרומער ר' צדוקל אדער „דיא געטרייע ליעבע" זעהר
א שאנע אונ א וואונדערליכע געשיכטע.
דער לעזער וועט פון איהר האבען גרויס פערגניגען. פערפאסט פון
שמ"ר. פרייז 5 קאפ'.

דער גליק שדוך אדער „די צוויי בריעף". א העכסט אינטערעסאנטער
ראמאן פון ראמאנען לאנד (פארטזעצונג פון
פרומען ר' צדוקל). פרייז 5 קאפ'.

דער אינדיאנער אדער „דיא פאלשע מסירה". זעהר א שאנע גע־
שיכטע וויא א אינדיאנער האט אוועקגעכאפט
צוויי קליינע יונגלעך פון זייערע עלטערן אונ האט זייא געמאכט
פאר קונצענמאכערס, דערנאך האט גאטט זייא געהאלפען אונ זיי
ווענען ניצול געווארען פון זיינע הענד (פארטזעצונג פון גליק שדוך).
פרייז 5 קאפ'.

די שאנע ראזאליע מיט איהר קלוגען געלערנטען חתן יאזעף.
א שאנער אינטערעסאנטער ראמאן (פארטזעצונג
פון אינדיאנער). פרייז 5 קאפ'.

די שרעקליכע נקמה פון א ווייב וויא זיא האט א הר מאנן אבי־
געגאסטען דאס פנים מיט
וויטריאל, דערפאר ווייל ער האט איהר אבגענארט מיט א גט.
פערפאסט פון משולם הגבור. פרייז 10 קאפ'.

דאס גאלדענע זייגעריל אדער „דער פאלשער גוטער פריינד".
דאס איז אנ'אמתע העכסט אינטערע־
סאנטע געשיכטע וויא א פאלשער גוטער פריינד האט געוואלט זיין
חבר אומגליקליך מאכען. (פארטזעצונג פון דיא שרעקליכע נקמה
פון א ווייב). פרייז 10 קאפ'.

ווינכטיג פאר אלע יודען אין דער גאנצער וועלט.

הַיְדַעְתֶּם אִם לֹא שְׁמַעְתֶּם? ווייסט איהר עס? האָט איהר עס געהערט? לֹא יַאֲמֵן כִּי יְסֻפָּר. מ'וועט נישט גלויבען אז מ'וועט עס דערצעהלען, יעדער יוד האָט זיכער געהערט אַז עס איז דאָ ביי אונז אַ הייליגער ספר מדרש רבה אויף גאַנץ תורה אַלע פיניף חומשים בראשית, שמות, ויקרא, במדבר, דברים, און אויף גאַנץ חמש מגלות, אסתר, שיר השירים, רות, איכה, קהלת.

וואָס איז אַזוינס דער מדרש רבה?

און ווער האָט איהם געמאַכט?

דער מדרש רבה איז אַ פּירוש אויף דער תורה און אויף די מגילות נאָך פון אונזערע תַּנָּאִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה די בַּעֲלֵי הַתַּלְמוּד לויט דעם חֵלֶק אַגָּדָה וואָס האָט זיך ביי אונז אָנגעזאַמעלט פון גאַנץ אַלטע צייטען ביז די הַלָכָה און אַגָּדָה האָבען זיך אָפּגעטהיילט איינער פון דער אַנדערער יעדער אויף איהר בעזונדערן וועג די ערשטע סימנים פון אַגָּדָה געפינען מיר שוין אין די לעצטע ספרים פון תַּנַ"ךְ פיער הונדערט יאָהר צייט האָבען זיך כְּסֵדֶר געזאַמעלט און פערברייטערט די אַגָּדוֹת ביי אונז וואָס פון זיי איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען דער מדרש רבה נאָכאַמאָהל פיער הונדערט יאָהר האָט געדויערט דער צוזאַמעננעמען און איינאָרדענען דעם מדרש רבה אין דער פאָרמע וואָס מיר זעהען איהם יעצט פאַר די אויגען דער מדרש רבה איז פיל מיט סודות התורה ווער עס איז זוכה צו לערנען איהם מיט אָפענע אויגען ווייסט וואָס עס טהוט זין אין אַלע עולמות עליונים וואָס עס איז געווענען איידער די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען און וואָס עס וועט זיין נאָכדעם אַז משיח

וועט קומען במהרה בימינו ווייל אין דעם מדרש רבה איז איינגעקנעטעט און איינגעפלאָכטען זעהער אַסאַך הויכע געדאַנקען פון אַלע אונזערע גרויסע לייט פון די ערשטע דורות אָן ביז די צייט וואָס ער איז געענדיגט געוואָרען ביי יודען איז דאָ אַסאַך חֶבְרוֹת בַּעֲלֵי המדרש וואָס מ'קומט זיך אַלע טאָג צוזאַמען און מ'לערנט מדרש רבה בָּרַבִּים טויזענדער יודען זענען דאָ וואָס האַלטען אַ חלק מדרש רבה אין טלית זאַק און אַזוי גוט ווי זיי דאַווענען אַלע טאָג אַזוי לערנען זיי אַלע טאָג מדרש רבה הונדערטער פרושים האָט מען שוין פערפאַסט אום צו געבען צו פערשטעהן די טיפזיניגע גייסטרייכע ווערטער פון דעם מדרש רבה די גרעסטע לייט פון די אומות העולם וואָס אינטערעסירען זיך מיט אונזערע יודישע ספרים און שטודירען זיי אַז זיי זענען צוגעקומען צום מדרש רבה און האָבען אָנ-געהויבען צו פערשטעהן די טיפע מאמרים פון איהם זענען זיי געבליבען שטעהן מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ פון פערוואונדע-רונג ווי פון בליץ געטראָפען זענען זיי געבליבען בעטראַכטענ-דיג דעם גרויסען טיפען קוואַל פון חכמה וואָס אונזערע גע-לעהרטע האָבען אונז איבערגעלאָזט שוין פון טויזענדער יאָהרען ווייט בערוהמט זענען די משלים פון מדרש רבה צימליך און זיס זענען די אגדות זיינע העכסט אַללעגאָריש געשריבען איינגע-הילט אין קליידער פון שענסטין קאָליר אַז דער מדרש רבה איז געשריבען מיט רוח הקודש דערקענען מיר דערפון וואָס מיר געפונען אין איהם שטעלען וואָס זענען צוגעפּאַסט צו אַלע פערגאַנגענע עפּאָכען פון דער מענשהייט בכלל און פון יודען בפרט אונזערע חכמים האָבען זיך אויסגעדריקט וועגען דעם מדרש רבה מיט פאָלגענדע ווערטער רְצוֹנְךָ שֶׁתַּכִּיר אֶת מִי שֶׁאָמַר וְהָיָה הָעוֹלָם אויב די ווילסט דערקענען דעם דאָזיגען וואָס מיט זיין בלויזען אַרויסזאָגען איז געוואָרען אַ וועלט לְמוֹד הַגָּדָה לערען הַגָּדָה (דעם גרעסטען טהייל דערפון געפונען מיר אין מדרש רבה ער איז פיל מיט הגדה) שֶׁמִּתּוֹךְ כַּךְ אַתָּה מַכִּיר אֶת הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא דען פון דיזער לעהרע ווערסטו דער קאָנען דעם הייליגען געלויבט איז ער וּמְדַבֵּק בִּדְרָכָיו און די ווערסט זיך באַהעפטען אין זיינע וועגען (סִפְרִי דברים מ"ט) אום צו מאַכען דעם מִדרשׁ רבּה פאַר אַ ספר וואָס דאָס גאַנצע פאָלק

ישראל זאָל איהם פערשטעהן האָבען מיר איהם נאָך אַלאַנגע מיהפולע אַרבעט איבערזעצט פאָללשטענדיג אין אַ פאַרפיינערטען זשאַרגאָן נאָך די קוועלען פון די בעסטע מפורשים הונדערטער פרושים האָבען מיר צוזאַמענגענומען די זעלטענסטע אַנטיקען פון די גרעסטע ביבליאָטעקען און בעאַרבעט.

דורך דעם בּאַריהמטען איבערזעצער ר׳ יוסף מאיר יעבץ ז״ל וואָס האָט אויף זיין איבערזעצונג געקריגען הסכמות פון די גרעסטע גאונים אין אונזערע דורות אויך דער גאון מַלְבִּי״ם און דער תפארת ישראל זכרונם לברכה האָבען זייערע הסכמות געגעבען אויף זיין איבערזעצונג דער מדרש רבה איז יעצט גע-וואָרען אַנ׳אָפּענער ספר פאַר אַלעמען גרויס און קליין יונג און אַלט איטלעכער וועט איהם פערשטעהן לויט זיין שֵׂכֶל מיט רעכט קענען מיר זאָגען אַז דער מדרש רבה וואָס מיר האָבען איהם אַרויס געגעבען אויף לשון קודש מיט דעם פירוש מתנות כּהונה אויך אויף לשון קודש און מיט די פאָלשטענדיגע איבער-זעצונג אויף עברי טייטש איז בעסער ווי מיט הונדערט פירושים חעכסט נוצליך אפילו פאַר דעם גרעסטען למדן.

דער מדרש רבה האַלט אינגאַנצען 255 גרויסע דרוק בויגען 4080 זייטען 8^0 ער איז איינגעטיילט אין 10 חלקים, לויט ווי זיי זענען ווייטער אויסגערעכנט, פרייז פון דעם גאַנ-צען מדרש רבה מיט עברי טייטש אַלע 10 חלקים 50 זלאָטיס, דער מדרש רבה מיט עברי טייטש ווערט אויך פערקויפט אין איינציגע חלקים פרייז פון יעדען חלק 8 זלאָטיס אויך אין איינציגע העפטען פרייז פין יעדען העפט 1 גרויסער דרוק בויגען 16 זייטען 50 גראָשען אַזוי איז איינגעטיילט דער מדרש רבה מיט עברי טייטש אַלע 10 חלקים.

1) ספר בראשית חלק א׳ פון אָנהויב פרשת בראשית ווי גאָט האָט בעשאַפען די וועלט ביז סוף פרשת וירא ווי אברהם אָבינו האָט געוואָלט מקריב זיין זיין זוהן יצחק אויף דער עקדה 30 בויגען 480 זייטען.

2) ספר בראשית חלק ב׳ פון אָנהויב פרשה ויהי חיי שרה ווי אונזער מוטער שרה איז געשטאָרבען אַלט 127 יאָהר און אברהם אבינו האָט איהר געבּרענגט צו קבורה אין דער מערת הַמכפֵּלה בִּיז סֹוף פרשת ויחי ווי יוסף הצדיק איז גע-

שטאַרבען אין עלטער פון 110 יאָהר 29 בויגען 464 זייטען, דער גאַנצער ספר בראשית ביידע חלקים פון באַשאַפונג די וועלט ביז דעם טויט פון יוסף הצדיק נעמען צוזאַם א צייט פון צוויי טויזענד דרייהונדערט מיט ניין יאָהר.

3) ספר שמות, פון אָנהויב פרשה ואלה שמות ווי די יודען האָבען זיך אָנגעליטען אין מצרים אַריינקומענדיג אַהין אינגאַנצען 70 מענשען ביז סוף פרשת אֵלֶּה פְקוּדֵי ווי מ'באַרעכינט דאָס געלד זילבער און טהייערע מאַטעריאַלען וואָס מ'האָט געזאַמעלט נדבות פון דעם גאַנצען פאָלק אויפצושטעלען דאָס משכן אין דער מדבר, דער גאַנצער ספר שמות וואָס נעמט ארום א צייט פון 185 יאָהר, האַלט 29 בויגען 464 זייטען.

4) ספר ויקרא פון אָנהויב פרשה ויקרא וואָס רעדט אַרום די דינים פון קרבנות וואָס מ'זאָל מקריב זיין פאַר גאָט'ס וועגען ביז סוף פרשת בחוקותי וואָס לערנען די דינים פון נדרים און נדבות פאַר הֶקְדֵשׁ דער גאַנצער ספר ויקרא וואָס אין איהם איז דאָ א סאַך דינים און מצות, האַלט 26 בויגען 412 זייטען.

5) ספר במדבר חלק א' פון אָנהויב פרשה במדבר ווי מען האָט געציילט אַלע יודען אין דער מדבר ווער עס איז נאָר געוועזען עלטער פון 20 יאָהר, ביז סוף פרשת נשא ווי די נשיאים האָבען מקריב געווען קרבנות ביי דעם בעניי̇ען דאָס מִשְׁכָּן, 39 בויגען 622 זייטען.

6) ספר במדבר חלק ב' פון אָנהויב פרשה בהעלותך, אַז אין די מנורה זאָל שטענדיג ברענען בוימעהל עס זאָל זיך לייכטען פאַר גאָט'ס כבוד ביז סוף פרשת מסעי ווי די יודען האָבען אַרום געוואַנדערט אין דער מדבר, צו זאַמען מיט מגילת רות, מ'לייענט אים שבועות ווי עס איז בעשריבען דער יחוס פון דוד המלך ספר במדבר חלק ב' מיט מגילת רות צוזאַמען האַלטען 21 בויגען 342 זייטען.

7) ספר דברים פון אָנהויב פרשה ואלה הדברים ווי משה רבינו האָט בעשטראָפט די יודען פאַר זיין טויט ביז סוף פרשת וזאת הברכה די ערהאַבענע ברכה פיל מיט ליעבע וואָס משה רבינו האָט געבענשט אלע יודען אין דעם לעצטען טאָג פון זיין לעבען, 12 בויגען 192 זייטען, דער ספר שמות אָנהויבענדיג פון פרשה בשלח אין די סְפָרִים ויקרא, במדבר, דברים, נעמען

ארום אַ צייט פון 40 יאהר וואָס די יודען זענען געוועזען אין דער מדבר.

8) מגילת אסתר מ'לייענט די מגילה אום פורים ווי עס איז באַשריבען דער נס פון פורים דורך מרדכי ואסתר, 8 בויגען 138 זייטען.

9) מגילת שיר השירים מ'לייענט אום פסח, דער הייליגס-טער שיר וואָס שלמה המלך האָט געזינגען די ליבע צווישען הקדוש ברוך הוא מיט די כנסת ישראל, 23 בויגען 368 זייטען.

10) מגילת איכה מ'לייענט אום תשעה באב ירמיה הנביא בעווייגט דאָרט דעם חורבן פון דעם פאָלק ישראל צוזאַמען מיט מגילת קהלת מ'לייענט אום סוכות ווי שלמה המלך גיט אונז צופערשטעהן דורך דעם גרויסען מוסר וואָס דאָרט געפונט זיך אַז דער אמת'ער תכלית איז מ'זאָל מורא האָבען פאַר גאָט און גיין אין זיינע וועגען ווערט אונז שטענדיג גוט זיין, מגילת איכה און מגילת קהלת צוזאַמען, האַלטען 37 בויגען 602 זייטען.

דער אַרויסגעבער פון מדרש רבה מיט פרושים און מיט עברי טייטש קומט נישט צום פובליקום מיט פאַרשלאַגען פלענער אָדער צוזאָגען, דער אַרויסגעבער פון מדרש רבה האָט שוין ברוך השם די אַרבייט אָנגעהויבען און אויך געענדיגט און קומט צום פובליקום מיט אַ פאַרטיגע זאַך ווער עס וויל נאָר קויפען איז שוין דאָ גרייט אַ גאַנצער קאָמפלעט מדרש רבה תורה מיט חמש מגילות.

די אדרעס:

בוכהאנדלונג

ליב מארגענשטערן ווארשא פראַנציסקאַנער גאַס 26 №

Księgarnia L. MORGENSZTERN

Warszawa Franciszkańska № 26.

ווער עס וויל ערהאַלטען תשובה אויף וואָס ער פרעגט שרייבט ער זאָל שיקען אַ דאָפּעלטע פּאָסט-קאַרטע.

„אַ רְצִיחָה" צגליעב טויזענד גילדען אָדער ווי מען פּיהרט צְווייִ מאַרדערים הענגען (פּאָרטו. פון גראף א״נ דער קאַרטענשפּיעלער). — 5

די „מִלְחָמָה פון יאפּאַניען" מיט רוססלאַנד אונ די בעשרייבונג פון כִּינָא. 5

דאס בעריהמטע ליעד „די יודישע מַרְאַיקא" (תְשׁוּבָה, תְּפִלָּה, צְדָקָה) צו זינגען מיט אַ פיינע מעלאָדיע. 5

דאס ליעד „דער אונצופרידענער" (אין דעם גארטען פון די נאַטור) מיט נאָך פיער ליעדער: דער געבוירענער בלינדער; דער אָבּ־געקומענער עושר; די גזרה חתונות; דער בַּעַל עֲגָלָה. 5

דאס ליעד פון „אָז יָשִׁיר" (אַ געראָזיש ביים ברעג ... יונגעליך יאָגען) מיט נאָך צוויי ליעדער: דאס ראָדעל; דער קאַרטענשפּיעל. 5

„דאס בוימעלע" (אַ בוימעלע האָבען אונזערע אָבות אֲבוֹתֵינוּ) מיט נאָך דריי ליעדער: ציון פון ר׳ יהודה הלוי; דער שרעקליכער חלום; דער אָרעמער שאַבער אונ דער יודישער בויער. 5

דאס ליעד פון „בית דין של מַעְלָה" (אויף דעם גרויסען הימעל אין דעם הויכען געצעלט) מיט נאָך פיער ליעדער: דער שמש; דער קאָמעט־שטערן; דער שינדעל־שלאָגער; די שְׂרֵפָה אין בּראָד. 5

דאס ליעד פון „בָּרְכִי נַפְשִׁי" (לויבּזינגע, לויב זשע מיין נשמה;) מיט נאָך דריי ליעדער: דער פּאַסקודניק; ווי דער טאַטע קומט צום קינד; די אָרעמע שניידער־מאַדען. 5

דאס ליעד פון „נאַטס׳ס באַנקראַט" אָדער „דריי הונדערט אונ צעהן וועלטען" מיט נאָך דריי ליעדער: טאָג אונ נאַכט; דער אָרעמאַנן; דער גראָבער. 5

דער „זיידע מיט׳ן אייניקעל" אָדער „קשיות מיט תירוצים" מיט נאָך צוויי ליעדער: דער קלוגער בעטלער; וואונש פון אַלטער׳ן 5

דאס ליעד „דער יָתוֹם". (עס בּלאָנדזעט אַרום איין מענטש אויף די וועלט) מיט נאָך פיער ליעדער: בעריל בּראָדער; ווי אַ חָכָם שמועסט צו די וועלט; דער וועכטער; דער מין; די צוויי שטערן. 5

„קָטָא יידיאַט!" דאס ליעד פון יודישען סאָלדאַט, וועגען פר שטעהט אויף קאַראַאוּל, וועד עס ווילל צו זיין פּאַסט צוגעהן שרייט ער אויס: קָטָא יידיאָט! (אין רעגען אונ אין די גרעסטע קאָלט) מיט נאָך פיער ליעדער: דער מלמד; דער שדכן; ווי אַ רויבער האָט געשאָכטען הויזגער פון בראָד; דער וואָכערניק. 5

דאס ליעד פון „שוסטער מיט׳ן שניידער" מיט נאָך פיער ליעדער: דער גילדערנער מאָרגען; דער וואַנדערער; דער וואַססער־טראָגער; דער בעל דרשן. 5

די „וואַרשאַווער מיראַוואָי סודעבּנע אוטשאַסטקעס" אָדער „וואַרשאַווער סאַנדעס" פון וואַרשא אונ פּראַגא וויא זייא זענען איינגעטהיילט נאָך דעם נייען סיסטעם אין 85 אוטשאַסטקעס. 15

„דער בעריהמטער וויצלינג" ר׳ אֶפְרַיִם גריידינגער ז״ל, זיינע חכמות אונ גלייכע ווערטליך: 10

„דאָקטאָר קוגעלמאַן" אַ פּרעהליכע געשיכטע פון דעם לעבען ... ידען אין די קליינע שטאָדטליך! 5

„דער נייער זינגער" (פּאָרטזעצונג פון דאָקטאָר קוגעלמאַן) מיט צוויי שיינע ליעדער: שלום עליכם (לכבוד שבת); דער נייער כל מקדש׳. 5

עס איז אָבגעדרוקט און עס איז שוין דאָ צו פערקויפען

מדרש רבה מיט פרושים

אויף לשון קודש מיט עברי טייטש

אויף גאנץ תורה מיט חמש מגלות. די איבערזעצונג אויף עברי טייטש דורך

ר׳ יוסף מאיר יעבץ ז״ל.

האָט דער „תפארת ישראל״ און דער „מלבי״ם״ זכרונם לברכה האָבען איהם זייערע הסכמות געגעבען, איז אַ מייסטער-ווערק, מען האָט צוזאמענגענומען דאָס בעסטע פון אַלע מפרשים אויף דעם „מדרש רבה״. מען האָט עס איבערזעצט אין אַ לייכטע שפראַך. עס איז העכסט נוצליך אפילו פאַר דעם גרעסטען למדן ווייל דער

מדרש רבה מיט עברי טייטש

איז אַ סאַך בעסער ווי מיט

הונדערט פרושים.

דער „מדרש רבה״ מיט עברי טייטש איז אין 10 חלקים, אַלע צוזאמען האַלטען 255 גרויסע דרוק-בויגען 4080 זייטען,

פרייז אַלע 10 חלקים — — — — — — 50 זלאָטעס,

עס ווערט אויך פערקויפט איינציגע חלקים, און איינציגע העפטען

פרייז פון אַ חלק — — — — — — — 8 זלאָטעס,

„ „ אַ העפט (1 בויגען 16 זייטען) — — 50 גראָשען,

צו בעקומען ביי דעם ארויסגעבער

ליב מאָרגענשטערן, בוכהאַנדלונג

וואַרשאַ, פראַנציסקאַנער נומער 26.

Księgarnia LEJB MORGENSZTERN, Warszawa, ulica Franciszkańska № 26.

Druk. B-ci Wójcikiewicz, Pawia 10